# וכל מאמינים

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר ג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת שמות תשפ"ד שנה י | גליון מס' 515


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## כלל ישראל האט מקבל געווען דער עול הגלות מיט סבלנות

**"וַיְהִי בַּיָּמִים הָהֵם וַיִּגְדַּל מֹשֶׁה וַיֵּצֵא אֶל אֶחָיו וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם"** (ב יא)

די ווארט 'בסבלתם' טייטש דער תרגום 'בפולחנהון' - ביי זייער ארבעט - אז משה רבינו איז ארויס צוזען די ארבעט פון אידישע קינדער.

לכאורה איז שווער דער לשון פון 'בסבלתם', אויב עס מיינט ארבעט, וואלט די תוה"ק געקענט שרייבן 'וירא בעבודתם'? פארוואס האט די תוה"ק געשריבן דער לשון פון בסבלתם?

נאר געט צו פארשטיין רבי דוד קוויאט מראשי ישיבת מיר אין ברוקלין א שטארקער דערהער וואס ליגט באהאלטן אין די ווארט 'בסבלתם'.

מיר ווייסם דאך אז אין די ווארט 'בסבלתם' איז אויך דא א משמעות פון 'סבלנות' און דאס וויל אונז די תוה"ק לאזן הערן, ער וויל אז מיר זאלן וויסן אז אויך אין די שווערע צייטן וואס כלל ישראל איז אריבער, האבן זיי נישט פארלוירן די סבלנות און אנגענומען די ליידן באהבה און ווייטער געגלייבט אז איין טאג וועט מען זיי אויסלייזן פון גלות.

אין די זכות האט כלל ישראל זוכה געווען ארויסצוגיין פון גלות, ווייל די סבלנות וואס כלל ישראל ליידט אויף די וועלט איז פאר זיי א זכות און ווי מען בעט הושענא רבה ביי די הושענא'ס 'הושע נא סובלת סבלך' אז דו זאלסט העלפן די פאלק וואס ליידט דיינע ליידן און די תוה"ק באנוצט זיך מיט דער לשון צו לאזן הערן די נקודה, אז כלל ישראל האט סובל געווען די סבלנות באהבה.

'סוכת דוד'

## די גרויסקייט פון אמן איז ווי זיך פרייען מיט די שמחה פון א צווייטן

**"וַיִּחַר אַף ה' בְּמֹשֶׁה וַיֹּאמֶר הֲלֹא אַהֲרֹן אָחִיךָ הַלֵּוִי יָדַעְתִּי כִּי דַבֵּר יְדַבֵּר הוּא וְגַם הִנֵּה הוּא יֹצֵא לִקְרָאתֶךָ וְרָאֲךָ וְשָׂמַח בְּלִבּוֹ"** (ד יד)

עס האט גע'דרשנ'ט **רבי מאיר מָארים מאגנעס** דער רב פון קהילת 'עדת ישורון' אין ברוקלין:

מיר זען דא אז אהרן הכהן האט זיך געפריידט מיט משה רבינו און מיט זיינע מדריגות און האט זיך מכניע געווען פאר אים. די זעלבע איז אויך ווען מען ענטפערט אמן נאך די ברכה וואס זיין חבר מאכט. אויך דעמאלטס איז מען זוכה צו וואס עס שטייט אין פסוק "וְרָאֲךָ וְשָׂמַח בְּלִבּוֹ", ווייל דעמאלטס איז מען מכיר אין די מעלה פון דער מברך און מען ווערט נמשך נאך אים מיט'ן עניית אמן באמונה.

צוליב דעם האבן חז"ל געזאגט (ברכות נג ב) אז עס גדול העונה יותר מן המברך.

'מעט מים'

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## א 'פריוועליגיע' נישט קיין 'לאסט'

מיר ווייסן אז אין די וועלט פון הלכה איז דא זייער קלארע און אוועקגעשטעלטע כללים בנוגע ווען מען דארף ענטפערן אמן און אויך אויף ווי אזוי מען ענטפערט אמן.

אין אונזער היינטיגער מאמר וואלט איך זיך געוואלט באציען צו די הלכה וואס איז נוגע די צייט וואס חז"ל האבן באשטימט צו ענטפערן אמן.

אין שלחן ערוך (או"ח קכד ח) ווערט גע'פסקנ'ט אז דער 'אמן' וואס מען ענטפערט מעג נישט זיין צו קורץ, נאר אז מען זאל אויסציען דעם אמן א טראפ. אויפ'ן ארט ווערט אנגעגעבן א שיעור ווילאנג דער 'אמן' זאל זיין, אז עס זאל נישט זיין צו לאנג און נישט צו קורץ, די שיעור וואס חז"ל געבן אן איז עס זאל זיין אין די לענג ווילאנג עס געדויערט ארויסצוזאגן די דריי ווערטער "א-ל מלך נאמן" וואס איז ראשי תיבות פון 'אמן'.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די הלכה ווערט מען פארוואונדעט פארוואס חז"ל האבן געגעבן פאר דער אמן אזא שיעור? די שאלה ווערט נאר גרעסער נעמענדיג אין באטראכט אז חז"ל האבן געזאגט אז ווער עס פירט זיך נישט אזוי וועט חלילה ליידן פון א שווערע עונש אז זיינע טעג וועלן ווערן פארקורצערט ל"ע.

מען פארשטייט נישט פארוואס קומט זיך אזא שווערע עונש פאר איינער וואס איז מקצר אין דער אמן?

דער משנה ברורה אויפ'ן ארט [ס"ק לו] געט צו פארשטיין פארוואס חז"ל האבן זיך אויסגעדרוקט אזוי שארף אויף איינער וואס איז נישט מאריך ביי אן אמן. ער זאגט אז די סיבה איז ווייל די התנהגות פון אפזאגן שנעל אן אמן ווייזט אז דער ענטפערן אמן ביי אים איז א לאסט און ווען עס רעדט זיך פון א זילזול זיין אין כבוד שמים איז די עונש זייער שווער און זייער הארב.

מיט דער יסוד פארשטייט מען אויך די ברכה צו וואס א איד איז זוכה ווען ער איז מאריך ביים זאגן 'אמן און ווי חז"ל זאגן איז די מעלה אז מען איז אים מאריך ימיו ושנותיו, ווייל ווער עס איז מאריך אין זאגן אמן ווייזט ארויס מיט דעם ווי שטארק ער שעצט דעם אמן און פאר אזא איינער לוינט זיך אז מען זאל מאריך זיין זיינע טעג און זיינע יארן.

איך האב געטראכט אז עס קען זיין אז דער 'אמן קצרה' און דער 'אמן ארוכה' איז נישט נאר געבינדן צו דער וועג ווי אזוי מען ענטפערט דעם אמן, נאר אויך צו וויפיל צייט דער איד איז גרייט אוועקצוגעבן פאר דעם אמן, ווייל די צייט וואס איז א מענטש געט אוועק פאר א זאך, איז א מעסטער ווי חשוב די זאך איז ביי אים.

א איד ביי וועמען דער 'אמן' האט א חשיבות און ער פריידט זיך אריינצוכאפן נאך אן אמן און נאך אמן, ווייל יעדע אמן איז ביי אים כמוצא שלל רב איז זיכער אז אזא מענטש גייט אריין אין די גדר פון די ברכה וואס חז"ל האבן באשטימט פאר אן אמן.

דאגעגן ביי וועמען דער 'אמן' האט נישט קיין חשיבות קען עס אויסזען ווי ער האלט אין איין דערלייגן פון זאגן אמן און עס ווייזט אז ער האט נישט קיין חשיבות צו דעם ענין.

א רמז צו דעם געדאנק קען מען טרעפן אין אונזער פרשה (שמות ב יח) דער פסוק פרעגט "מדוע מהרתן **בא היום**" און די סופי תיבות פון די ווערטער איז אמן, א רמז אז ווען עס קומט צו אמן איז זיך נישט דא וואו צו יאגן.

לאמיר זיך אונטערנעמען מקפיד צו זיין צו ענטפערן אמן באריכות, ווי די הלכה פאדערט און אויך אוועקגעבן צייט צו הערן נאך און נאך אמנ'ס און זוכה זיין דורכדעם צו די ברכה וואס חז"ל געבן פאר דער וואס איז מאריך אין אמן אז מען איז אים מאריך זיינע טעג און זיינע יארן.

מיט א ברכה און א רוף אז מען זאל זוכה זיין צו די ברכה פון **"מאריכים לו ימיו ושנותיו"**

**שבת שלום**

יעקב דוד מארמארשטיין

# — די לעצטע תפילה אויף די וועלט —

זייער לאנג נאך דעם וואס דער חשובער בחור שמעון שעכטער ז"ל איז אוועק פון די וועלט, האבן די בחורים און די יוצאי הישיבה פון די 'כפר חסידים' ישיבה אים געדענקט.

> "ווען שמעון האט געבעטן אז איך זאל אים אריינעמען אין ישיבה, האב איך מורא געהאט אים אריינצונעמען. זייענדיג אין אזא קאמפלעצירטע געזונטהייט צושטאנד, אז ער האט געדארפט כסדר זיין צוגעבינדן צו דאקטורים און אז יעדע קלייניגקייט האט איינגעשטעלט זיין לעבן, האב איך מורא געהאט צונעמען אחריות אויף אים".



די בנין הישיבה פון די ישיבת 'כפר חסידים'

נאך ביז היינט דינט ער ביי זיי אלץ א מוסטער פון א בחור, וואס האט אויסגענוצט זיין לעבן און געלעבט מיט אמת'דיגע מסירות נפש און אהבת ה'.

פון געבורט אן איז דער בחור שמעון שעכטער געווען א קריפעל ל"ע. ער האט קיינמאל נישט געקענט גיין און שטיין אויף די אייגענע פוס. אלעמאל איז ער געזעסן אויף א רעדער בענקל, ווען ער קען קוים רירן אן אבר פון זיינע אברים.

אויך זיין קאפ האט ער כמעט נישט געקענט רירן פון ארט.

צוליב זיינע ספעציעלע אומשטענדן האט מען אים צוגערישט א ספעציעלער צימער אין ישיבה וואו ער איז געשלאפן. די צימער איז געווען ווי א קליינע שפיטאל, דארט האט ער געהאט אלע זיינע באדערפענישן, צוליב זיין צושטאנד, אין וואס ער האט זיך געפונען.

אסאך שווערקייטן און ווייטאגן איז שמעון אריבער, אבער קיין איינער פון די שוועריגקייטן האט אים נישט אפגעהאלטן פון אנגיין מיט זיין פלייסיגער סדר היום. פון צופרי' ביז ביינאכט איז ער געזעסן און געלערנט מיט חברותא'ס.

ער האט געהאט א פארמיטאג סדר, א נאכמיטאג סדר, יעדער סדר פאר זיך האט זיך געצויגן פאר פיר שעה רצוף, ווען זיינע חברותא'ס קענען קוים נאכיאגן זיין התמדה.

נישט נאר אין תורה איז ער געווען אויסגעצייכנט. אויך זיינע תפילות זענען געווען לעילא ולעילא, יעדע שמונה עשרה איז געווען געווייקט מיט טרערן, עס האט אויסגעזען ווי א יום כיפור'דיגע נעילה, יעדע שמונה עשרה האט געדויערט אמווייניגסטענס א האלבע שעה.

ביי זיין לויה האט דער חשובער ראש הישיבה רבי דוד מן זצ"ל אים מספיד געווען און צווישן אנדערע האט ער דערציילט די פאלגענדע געשיכטע.

"ווען שמעון האט געבעטן אז איך זאל אים אריינעמען אין ישיבה, האב איך מורא געהאט אים אריינצונעמען. זייענדיג אין אזא קאמפלעצירטע געזונטהייט צושטאנד, אז ער האט געדארפט כסדר זיין צוגעבינדן צו דאקטורים און אז יעדע קלייניגקייט האט איינגעשטעלט זיין לעבן, האב איך מורא געהאט צונעמען אחריות אויף אים".

דער ראש הישיבה האט דערציילט אז שמעון האט עס פארשטאנען און זיך געגרייט מוותר צו זיין אויף דעם אבער עס איז געווען זיין טאטע וואס האט נישט נאכגעלאזט און געקעמפט פאר אים.

ווען זיין טאטע האט געהערט אז מען וויל אים נישט אננעמען איז ער אריבער צו די שטוב פון הגאון רבי אריה לייב שטיינמאן זצ"ל און אים מיטגעטיילט מיט די גאנצע משא ומתן.

ווען הגראי"ל האט געהערט פון וואס עס רעדט זיך האט ער געזאגט פאר'ן טאטן אז ער קען נישט צווינגען די ישיבה אז מען זאל אים אריינעמען אבער ער קען זיך משתדל זיין פאר אים. אויף צומארגענס האט ער געלאזט רופן דער ראש הישיבה און אים געזאגט די פאלגענדע זאץ:

"איך קען דיר נישט הייסן אז דו זאלסט אננעמען דעם בחור, אבער איך קען דיר אזויפיל זאגן, אז מיר ווי די ישיבה וועט צוגעבן פאר'ן בחור - וועט דער בחור צוגעבן פאר די ישיבה...".

ווען דער ראש הישיבה האט דאס געהערט האט ער באשלאסן אז ער נעמט אים אן און גענוי ווי הגראי"ל האט געזאגט איז טאקע געווען, דער בחור האט אסאך צוגעגעבן צו די ישיבה.

נאך זיין פטירה האבן די בחורים אין די ישיבה זיך אוועקגעזעצט רעדן איבער אים. איינער פון די בחורים האט באשלאסן אז ער גייט נאכגיין די געשיכטע פון דעם בחור און וואס האט אים געגעבן כח און קוראזש צו קענען אנגיין מיט זיין עבודת הק'.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער האט אמאל גערעדט צו א בחור דערוועגן און אים אנטפלעקט דער סוד. מיט יארן פריער האבן אים די דאקטורים געזאגט אז ער קען לעבן אסאך יארן, אבער אויב ער וועט איין טאג ליידן פון א קאמפליקאציע אין אטעמען האט ער נישט קיין שאנסן עס איבערצולעבן.

דער בחור האט געוואוסט אז ער קען אוועקגיין פון די וועלט פון א מינוט אויף א מינוט - אזוי ווי עס איז טאקע געשען - און ווען דעם האט ער ביי יעדע תפילה געטראכט אז דאס איז זיין לעצטע תפילה אויף די וועלט, אויך זיין לערנען איז געווען אדעתא דהכא, אז דאס איז זיין לעצטער ווארט תורה אויף די וועלט און דאס האט אים געטריבן צו מאכן אלעס בשלימות.

מיט דעם האט ער געלעבט און אזוי' האט זיך טאקע געענדיגט זיין לעבן זייענדיג אלט 26 יאר, איז ער פלוצלונג אויסגעגאנגען אין שול, אבער ער איז ארויף אויף יענע וועלט מיט פולע און אויסגענוצטע טעג.

'לרומם' פר' נשא

# דרך אמונים

## הלכות פון ענטפערן אמן

### צוויי מענטשן וואס ענטפערן אמן

**עס איז דא וואס זאגן אז עס איז גוט מהדר צו זיין אז צוויי מענטשן זאלן ענטפערן אמן נאך די ברכה.**

מקורות וביאורים:

די הלכה ווערט אראפגעברענגט אין מחצית השקל' (או"ח ו ט) בשם דער רמ"ע מפאנו ('עשרה מאמרות' מאמר חיקור דין ח"ב פרט טו). די מקור צו דעם דין איז א זוהר הק' אין פרשת (ויצא קס א) און מיר ציטירן דא זיינע הייליגע ווערטער: "כל רזין דברכאן הכא איהו - חד לברכא ותרין לאתבא" [דער סוד פון די ברכות איז אז איינער זאל מאכן די ברכה און צוויי זאלן ענטפערן אויף איר אמן].

דער זוה"ק אויפ'ן ארט ברענגט אראפ א סמך צו זיינע ווערטער פון דער פסוק (דברים לב ג): "כי שם ה' אקרא הבו גדל לאלקינו" און טייטש אויס אז דער "כי שם ה' אקרא" - גייט ארויף אויף דער וואס מאכט די ברכה און דער "הבו גדל לאלקינו" - איז אויף דער וואס ענטפערט אמן און ווייל דער 'הבו' איז א לשון רבים איז משמע פון דעם אז עס דארף זיין צוויי וואס ענטפערן און אז איינער איז נישט גענוג.

אין ספר 'אשל אברהם' (לבעל ה'דעת קדושים' מבוטשאטש, (או"ח תפז ד), ברענגט ער אראפ אז דער צדיק רבי יוסף הוליס זצ"ל דער גאב"ד פון טיסמניץ און ווער עס איז געווען דער רבי פון דער הייליגער 'פני יהושע' האט זיך געפירט אז יעדע נאכט פלעגט ער אויפשטיין ביי חצות הלילה און געזאגט די ברכת השחר און ווייל ער האט מקפיד געווען אז צוויי אידן זאלן זאגן אמן פלעגט ער אויפוועקן צוויי אידן מיט אים, אז זיי זאלן ענטפערן אמן נאך די ברכת השחר.

אין דער ספר 'אדרת אליהו' לרבי עמנואל חי ריקי (שבת קיט ב) לייגט ער צו אז ווען דער וואס מאכט די ברכה הערט זיך צו ווי מען ענטפערט אמן און ער האט אינזינען יוצא צו זיין מיט דעם (זעה מער וועגן דעם אין רמ"א או"ח קסז ב), איז עס ווי ער אליין האט געענטפערט נאך זיין ברכה, ווייל די הלכה איז שומע כעונה.

לויט דעם קומט אויס אז ביי יעדע עניית אמן איז דא צום ווייניגסטענס צוויי וואס הערן אויס די ברכה און ענטפערן אמן. עס איז סיי דער וואס ענטפערט אמן און סיי דער מברך - ווייל דער מברך ווערט אויך גערעכנט.

וועגן דעם ווען דער פסוק דרשנ'ט (ישעיהו כו ב): "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים" האבן חז"ל געזאגט אויף דעם (שבת קיט ב): "אל תקרי שמר אמנים אלא שאומרים אמן" מיט א לשון רבים, ווייל יעדע מאל ווען מען ענטפערט איז אמווייניגסטענס דא צוויי מענטשן וואס ענטפערן אמן.

# תענה אמונים

## פערל ווערטער אויף די מצוה פון תפילה

### חובת הכוונה בתפילה

### די תפילה דארף זיין סיי מיט א גוף און סיי מיט א נשמה

ווען דער חובת הלבבות אין שער חשבון הנפש [פרק ג'] וויל ממחיש זיין די חשיבות פון תפילה מיט כוונה, אז עס איז נישט גענוג אז מען זאל ארויסזאגן די ווערטער מיט'ן מויל, נאר אויך אינזינען האבן וואס מען רעדט, געט ער עס אראפ מיט א משל און שטעלט צו אז די ווערטער וואס ער זאגט ארויס פון זיין מויל זענען ווי די שאלעכטס פון די פרוכט און אז די כוונה איז ווי די פרוכט אליינס.

ער פירט אויס אז וועגן דעם ווען א מענטש דאווענט און בשעת מעשה טראכט ער פון אנדערע זאכן איז זיין תפילה ווי א גוף אן א נשמה, ווי א שאלעכטס אן קיין פרוכט.

אויף דער יסוד זאגט דער הייליגער ישמח ישראל אין פרשת בהעלותך [אות ג'] אז אזוי ווי תפילה אן קיין כוונה איז ווי א גוף אן קיין נשמה, איז אויך די פארקערטע, אז תפילה מיט א כוונה, אבער אן עס ארויסזאגן מיט'ן מויל, ווי נשמה אן א גוף און ווייל הקב"ה וויל אז מיר זאלן נישט זיין ווי די מלאכי השרת, האט ער אונז באפוילן אז מיר זאלן מאכן ביידע סיי זאגן מיט'ן מויל און סיי מכוון זיין ביי די תפילה און אז נאר אזוי וועלן מיר אנקומען צו שלימות אין תפילה.

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

לכבוד די חשובע מערכת פון 'וכל מאמינים'

שלום וברכה

אלץ איינער וואס ליינט וואך נאך וואך אייער גליון, וויל איך זיך באדאנקען פאר אייך אויף די אומגעהויערע ארבעט וואס איר לייגט אריין דא אין יעדן גליון באזונדער.

ברוך השם אז איך צייל זיך אויך פון די 'נאה קורא' און א 'נאה מקיים' און אדאנק די גליון בין איך היינט זייער נזהר אין עניית אמן. מיין סדר היום אינדערפרי וועט זיך אנהייבן אז טאג טעגליך וועל איך אויסהערן זעקס, זיבן, מאל א טאג ברכות השחר און אזוי ארום וועל איך אריינכאפן צו ענטפערן מערערע אמנ'ס.

איך זעה היינט א שטארקע סייעתא דשמיא אין אלע מיינע וועגן און איך גלייב אז עס איז געבינדן מיט דעם מנהג.

איר האט שוין מערערע מאל אראפגעברענגט אין דעם גליון די ווערטער פון דעם הייליגן זוה"ק אין פרשת וילך [רפה ב] אז ווען א איד איז נזהר אין ענטפערן אמן ווערן זיינע תפילות נתקבל און דער זוה"ק דרש'נט עס דארט פון א פסוק.

איך האב געקלערט צו צולייגן א שיינער רמז צו דעם. ביי די קדיש פון 'תתקבל' נאכ'ן דאווענען זאגט מען די תפילה פון תתקבל. איך האב באמערקט אז ווען מען קוקט אויף די ראשי תיבות פון די ווערטער 'קד'ם אבוהו'ן דבשמי'א' וועט מען זעט אז עס איז ראשי תיבות 'אמן'.

דאס איז א רמז אז די תפילות פון א איד ווערט מקובל אין זכות פון אמן.

**בברכה נאמנה**
**שמעון ראטמאן - בית שמש**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי ישועה
## די סגולה פון ענטפערן אמן

## די ישועה פאר'ן אמן גבאי

די דאזיגע רירענדע געשיכטע וואס מיר גייען דא שילדערן איז אריינגעשיקט געווארן צו אונז דורך א חשובער יונגערמאן מיטן נאמען ר' שלמה.

פאר א לאנגער צייט האט ר' שלמה זוכה געווען צו דינען אלץ אן 'אמן גבאי' אין די שול וואו ער האט גדאווענט און ווי ער דערציילט האט ער זוכה געווען צוזען גרויסע ישועות.

דער אמן גבאי באדייט אז ער טרעפט צו פאר יעדן א חברותא ווער עס גייט טאג טעגליך אויסהערן די אמנ'ס פון איינער פאר'ן צווייטן.

די שייכות פון ר' שלמה צו די ארגינאזאציע האט זיך אנגעהויבן מיט עטליכע יאר צוריק. בשעתו איז ארויס די אונטערנעמונג פון אוועקשטעלן 'אמן' גבאים אין די שולן און ר' שלמה האט באשלאסן אז ער שליסט זיך אן אין די אונטערנעמונג.

טאג טעגליך האט ר' שלמה אוועקגעגעבן פאר די מצוה עטליכע שעה. ער פלעגט אראנדזשירן אלע ברכות השחר און די מתפללים זענען געווען פול מיט דאנק פאר אים, זאגנדיג אז פאר לאנגע יארן האבן זיי עס געוואלט טון, אבער די בושה האט זיי אפגעהאלטן.

די יארן זענען געלאפן. ר' שלמה האט גדינט אלץ גבאי, אלעס איז געפארן זייער גוט, אבער עס איז געווען אין יענע צייט ווען די אומשטענדן האבן געפירט אז ר' שלמה האט זיך געמוזט אריבערציען אין א נייער וואוינארט.

ווען ער האט זיך אריבערגעצויגן אהין איז ער געווען זיכער אז אויך דארט וועט ער קענען ממשיך זיין מיט די גבאות אבער דארטן זענען די אומשטענדן געווען אנדערש און ער האט בשום אופן נישט געקענט ממשיך זיין דארט מיט די עבודת הק'.

אין די נייע וואוינארט האט ר' שלמה געעפענט א געשעפט וועלכע האט לויט אלע מומחים און אנאליסטן גדארפט זיין א גוטגייענדער געשעפט אבער עס האט זיך נישט געארבעט, די געשעפט איז געבליבן ליידיג, די קונים זענען נישט געקומען און ר' שלמה איז געווארן אויס מענטש פון זיין דורכפאל.

פארביטערט און נידערגעשלאגן פון זיין דורכפאל, האט זיך אמאל געמאכט אז צוליב א שמחה אין די משפחה האט ער באזוכט אין די געגענט וואו ער האט אמאל געוואוינט. זייענדיג דארט האט ער באגעגענט זיינע אלטע ידידים און די אמאליגע חברותא'ס וואס ער האט צוזאמענגעשטעלט. זיי האבן אים אויפגענומען מיט די גרעסטע מאס ווארעמקייט און יעדער האט אים געזאגט אז טראץ וואס עס איז שוין אריבער א לאנגער צייט פון אמאל איז עס זיין זכות אז זיי האבן אנגעהויבן מיט דעם.

די אידן האבן זיך אויך אינטערעסירט אין זיינע געשעפטן און אומוועלנדיג האבן זיי דערוועקט ביי אים די טרויעריגע געפילן איבער זיין שוועריגקייט מיט דער נייער געשעפט.

אזוי טראכטנדיג פון זיינע שוועריגקייטן איז אים איינגעפאלן אז אין דעם שול האט ער דאך אסאך זכותים, אין אזא ארט קען ער דאך זיכער פועל'ן.

אויפ'ן ארט האט ער זיך גענומען איינרייסן און מתפלל זיין אז ער זאל א שינוי לטובה אין זיינע געשעפטן. ער האט זיך אוועקגעשטעלט אויף די זעלבע ארט וואו ער פלעגט שטיין טעגליך און אנפירן מיט די חברותא'ס און דארט האט ער אנגעהויבן דאווענען.

די תפילה איז געווען פון טיפן הארצן, עס איז געווען פול מיט טרערן, ר' שלמה האט געבעטן פון דעם באשעפער אז בזכות פון די אמנ'ס וואס ער האט פארמערט זאל אריינקומען א ברכה אין זיינע געשעפטן.

עס האט נישט גדויערט לאנג. הארט נאך די געשעעניש האט זיך זיין רעדל געגעבן א דריי איבער. מיטאמאל איז זיין געשעפט געווארן פול מיט קליענטן און די ברכה איז צוריק אריינגעקומען ביי אים.

א שטיק צייט שפעטער האט ר' שלמה אנגעהויבן דינען אלץ חברותא גבאי אין זיין געגענט און די געשעפטן האבן געבליעט ווי קיינמאל פריער.

# שערי גן עדן
## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

## דער באר משה פון אוזרוב זצ"ל
### א' בשבט תשל"א


האדמו"ר מאוזרוב זצ"ל

דער צדיק האדמו"ר רבי משה יחיאל הלוי עפשטיין זצ"ל איז געבוירן געווארן אין יאר תר"ן צו זיין פאטער האדמו"ר רבי אברהם שלמה מאוזרוב זצ"ל. נאך פון קינדווייז אן איז ער איבעראל געווען בארימט אלץ א מתמיד עצום, אלץ אן עילוי מופלג, מען האט געזאגט אויף אים אז שוין אין זיינע יונגע יארן איז ער געווען א בקי אין אלע חלקי התורה בנגלה ובנסתר.

אין בלויזן עלטער פון 22 יאר האט מען אים אויפגענומען אלץ רב און מורה הוראה אין די שטאט אוזרוב. עטליכע יאר שפעטער אין יאר תרע"ח האט מען ווען זיין טאטע איז נפטר געווארן האט מען אים ממנה געווען ממלא מקום צו זיין פאטער.

פאר עטליכע יאר אין איין ציה האט ער געדינט אלץ ממלא מקום אויפ'ן ארט און אין יאר תרפ"ו האט ער פארלאזט די שטאט אוזרוב און זיך באזעצט אין ניו יארק. זייענדיג אין ניו יארק האט ער אנגעהויבן ארויסצוגעבן זיינע בארימטע ספרים 'אש דת' און 'באר משה.

אין יאר תשי"ג איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין די שטאט תל אביב און איז געווארן א מיטגליד פון די 'מועצות גדולי התורה', ער איז נפטר געווארן ראש חודש שבט תשל"א און מען האט אים געלייגט אין דער בית החיים זכרון מאיר אין די שטאט בני ברק.

## אן 'אמן' וואס מען שטרענגט זיך אן פאר איר האט א גרויסער כח

אויף דער פסוק אין תנ"ך (שופטים ה ב): "בפרע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה'" דרשנ'ען חז"ל אין תנא דבי אליהו רבה אז בזכות וועמען וועט הקב"ה שטראפן די גוים וועגן די אידן? אין זכות פון די אידן וואס שטייען אויף צופרי' און ביינאכט צו די שולן און ענטפערן אמן...

דער באר משה אויף (שופטים עמ' קסה) איז מעיר אז ווען מען איז מעיין אין דער לשון פון דער תנא דבי אליהו זעט מען דא א שטארקער זאך, אז דער עיקר מעלה פון עניית אמן איז נאר ווען מען שטייט אויף צופרי' אדער מען קומט ביינאכט אין שול, דהיינו אז מען שטרענגט זיך אן פאר'ן אמן, אז מען גייט עס נאך.

דער געדאנק זעט מען אויך אין דער לשון הפסוק, עס שטייט 'בהתנדב' און דער לשון 'בהתנדב' האט אין זיך א משמעות אז מען שטרענגט זיך אן, אז מען גייט עס נאך, ווייל די סארט אמנ'ס וואס א איד גייט נאך און שטרענגט זיך אן פאר איר, האט אין הימל א באזונדערע חשיבות.